Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
& la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 13, נומער 2 (62)
כּיסלו תּשס"ח/דעצעמבער 2007

# לייען־יום־טובֿ[1] אין פֿראַנקרײַך




אַלע יאָר קומט פֿאָר אין פֿראַנקרײַך אַן אימפּרעזע[2] מיטן נאָמען Lire en Fête - אַ יום־טובֿ פֿון לייענען. במשך[3] פֿון אַ גאַנצן סוף־וואָך[4], אין ביבליאָטעקן, ביכערקראָמען און אַנדערע אינסטיטוציעס אומעטום אין לאַנד, פֿרייט מען זיך[5] מיט דער ליטעראַטור און מע לייענט פֿאָר פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע ווערק אויף פֿראַנצייזיש און אויך אַנדערע שפּראַכן.

אויף דעם געביט[6] פֿון ייִדיש זענען הײַיאָר פֿאָרגעקומען צוויי אינטערעסאַנטע אונטערנעמונגען. דעם 19טן אָקטאָבער האָט די שטאָט־ביבליאָטעק אין וויטעל (מיזרח[7]־פֿראַנקרײַך) אָרגאַניזירט אַן אָנדענק־אָוונט[8] לכּבֿוד[9] דעם באַרימטן ייִדישן פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן[10] וואָס איז אין 1943-44, נאָך דער פֿאַרניכטונג פֿונעם וואַרשעווער געטאָ, געווען אין דעם אינטערניר־לאַגער אין וויטעל. דאָרטן האָט ער אָנגעשריבן דאָס *ליד פֿון אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק*[11]. עוולין גרומבערג, אַ מיטאַרבעטערין אינעם פֿאַרלאַג[12] פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק, וואָס האָט פּובליקירט אַ צווייִשפּראַכיקע אויסגאַבע פֿון דער פּאָעמע (ייִדיש – פֿראַנצייזיש), האָט פֿאָרגעשטעלט דאָס ווערק, און דערמאָנט דעם מחבֿרס[13] לעבן און שאַפֿן. אַניק פּרים־מאַרגוליס, אַ ייִדיש־לערערין אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער, האָט פֿאָרגעלייענט אַ פּאָר לידער פֿון דער פּאָעמע אויף ייִדיש און אין דער פֿראַנצייזישער איבערזעצונג פֿון בתיה בוים[14]. די פֿאָרלייענונג, ווי אויך דער טראַגישער גורל[15] פֿונעם מחבר, האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם[16] אויף דעם נישט־ייִדישן עולם[17].

## אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער

שבת[18] דעם 20סטן אָקטאָבער האָט דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער געהאַט דאָס פֿאַרגעניגן אויפֿצונעמען לעוו בערינסקי און מיכאל[19] פֿעלזענבאַום, וואָס שאַפֿן הײַנט צו טאָג אויף ייִדיש און לעבן אין ישׂראל[20]. אין זײַן ליטעראַרישער לעקציע האָט בערינסקי, אַ געבוירענער אין רומעניע אין 1939, דערקלערט מיט שאַרפֿקייט, ווי זײַן שטייגער איז, זײַן צוגאַנג צו דער ליטעראַטור. ער האָט געפֿירט דעם עולם אין אַ נסיעה[21] דורך דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, דערמאָנענדיק, צווישן די מחברים וואָס האָבן אים אינספּירירט, דעם פֿראַנצייזישן פּאָעט רעמבאָ, דעם לאַטײַנישן פּאָעט אָוויד, איציק מאַנגער, צו וועמען ער פֿילט זיך זייער נאָענט, און אויך אַ פּאָר מוזיקער. ער האָט אונטערגעשטראָכן אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז אַ גלות[22]־ליטעראַטור אין וועלכער דאָס געפֿיל פֿון פֿרעמדקייט פֿאַרנעמט אַ גרויסן אָרט. די נסיעה האָט זיך געענדיקט אויף אַ קרייצוועג[23]:
וווּהין גייט די ייִדישע ליטעראַטור ? לויט בערינסקין נייטיקט זי זיך דער עיקר[24] אין אַ גוטער, פּראָפֿעסיאָנעלער קריטיק, וואָס זאָל זי באַטראַכטן און דערשאַצן ווי אַלע אַנדערע ליטעראַטורן.
דערווײַל האָט דער עולם געקענט געניסן פֿון אַ פּאָר לידער פֿון בערינסקיס ציקל *לופֿטבלומען* און בתיה בוים האָט פֿאָרגעלייענט איר איבערזעצונג אויף פֿראַנצייזיש.

## מיכאל פֿעלזענבאַום

זונטיק האָט מיכאל פֿעלזנבאַום, אַ געבוירענער אין אוקראַיִנע אין 1951, דערציילט ווי ער איז געוואָרן אַ ייִדישער שרײַבער. ער האָט אָנגעהויבן זײַן קאַריערע אין טעאַטער אויף רוסיש און ערשט שפּעטער

[סוף זײַט 8]

## אַ מתּנה[1]

אין דעם נומער איז די הויפּט־טעמע ייִדישע אותיות[2] – זייער אָפּשטאַם, זייער סימבאָליק, זייער ראָלע אין ייִדישן פֿאָלקלאָר... דערפֿאַר וועט איר דאָ געפֿינען אַ מתּנה : אַ לייען־צייכן[3] מיט דעם אַלף־בית[4] און די נומערישע ווערטן[5] פֿון די אותיות. ניצט עס געזונטערהייט !

1. matone cadeau/gift 2. oysyes lettres (de l'alphabet)/ letters (of the alphabet) ; *sing.* אות os 3. marque-page/ book mark 4. alef-beys alphabet juif/Jewish alphabet 5. valeurs numériques/numerical value.

1. yontev fête (Lire en fête)/holiday (to celebrate reading) 2. manifestation/event 3. bemeshekh pendant/during 4. sof-... week-end 5. on fête/celebrate 6. domaine/realm 7. mizrekh de l'Est/Eastern 8. soirée de commémoration/commemoration 9. lekoved en l'honneur de/in honor of 10. yitskhok Katzenelson (1886-1944) 11. ... o'ysgehargetn ... *Le Chant du peuple juif assassiné/Song of the Murdered Jewish People* 12. maison d'édition/publishing house 13. ... mekhabers de l'auteur/the author's 14. basye Batia Baum 15. goyrl destin/ fate 16. royshem impression 17. oylem public 18. shabes samedi/Saturday 19. mikhoel 20. yisroel Israël 21. nesie voyage/journey 22. goles exil/exile 23. croisée des chemins/crossroads 24. ... iker surtout/especially

# „דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן״ ווידער אויף דער בינע[1]

די פּיעסע „דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן“ פֿונעם באַרימטן ייִדיש־העברעיִשן פּאָעט און דראַמאַטורג אַהרן[2] צייטלין (1898-1973) האָט אַ גרויסן דערפֿאָלג[3] בײַ די טעאַטער־מענטשן אין פֿראַנקרײַך. זינט דעם ווי מע האָט זי איבערגעזעצט אויף פֿראַנצייזיש אין 1993[4], איז עס שוין דאָס דריטע מאָל ווי מע שטעלט עס אויף דער פֿראַנצייזישער בינע – וואָס איז מן־הסתּם[5] מער ווי מע האָט עס געשפּילט אויף ייִדיש !

די פּיעסע, וואָס רעדט וועגן אַ וועלט־אונטערגאַנג[6], שפּילט זיך אָפּ אויף אַ טראַנסאַטלאַנטיק־שיף, אין די טיפֿענישן פֿון ים[7] און אין גן־עדן[8]. די נײַע אינסצעניזאַציע[9] פֿון רחל[10] קאַמעלגאַרן און טיערי לאַשקאַר איז זייער אַ געלונגענע[11] און הייבט אַרויס[12] גלײַכצײַטיק דעם אַקטועלן און דעם איבערצײַטיקן[13] כאַראַקטער פֿון דער דראַמע, אָנגעשריבן אין 1931. די מאָדערנע, מינימאַליסטישע סצענאָגראַפֿיע פּאַסט זיך זייער גוט צו צו דער גראָטעסק פֿונעם ווערק. די פּיעסע ווערט געשפּילט דורך דער טרופּע „מאַלפּעס־קאָמפּאַניע“[14] און ביז איצט האָט מען זי געקענט זען אין די שטעט רואַן און לע מאַן[15].
יישר־כּוח[16] !




רחל קאַמעלגאַרן
D.R.

וועגן די פֿריִערדיקע אינסצעניזאַציעס האָבן מיר שוין געשריבן : אין *טעם־טעם* נומער 31 (2001), נאָך דער אויפֿפֿירונג[17] אין פּאַריז און אין נומ׳ 37 (2002), ווען מע האָט די פּיעסע געשפּילט אין ייִדיש אויף דער לאָנדאָנער בינע. זעט אונדזער וועבזײַטל :
http://www.yiddishweb.com/tamtam.htm

1. scène/stage 2. ARN 3. succès/success 4. Aaron Zeitlin, "Jacob Jacobson", trad. par Jacques Mandelbaum, dans : *Théâtre yiddish*, Tome II, L'Arche, 1993 5. MINASTA'M probablement/probably 6. la destruction du monde/the destruction of the world 7. YAM mer/sea 8. GAN-EYDN paradis/paradise 9. mise en scène/staging 10. ROKhL 11. réussi/successful 12. fait ressortir/brings out 13. intemporel/timeless 14. La Compagnie des Singes 15. Rouen, Le Mans 16. YASHER-KOYEKh bravo ! 17. représentation/performance.

# אַ בריוועלע אין דער רעדאַקציע



אין דעם אַרטיקל „האַלאָווין“ (נומ׳ 61) שטייט געשריבן : „...אין דער צײַט ווען די טעג ווערן קירצער... די זון דערווײַטערט זיך ביסלעכווײַז פֿון דער ערד...“. דאָס איז טאַקע אמת[1] אין די דרומדיקע[2] לענדער פֿון דער ערד, אָבער נישט אין אייראָפּע אָדער אין צפֿון[3]־אַמעריקע, ווו עס איז פּונקט[4] פֿאַרקערט, נישט ווי אונדז קען זיך דאַכטן אויפֿן ערשטן בליק. אונדזער פּלאַנעט איז נענטער צו דער זון ווען אין די דרומדיקע לענדער איז זומער, אָבער דאַן איז אין די צפֿונדיקע לענדער ווינטער.
אונדזער וועג אַרום דער זון דויערט פּונקט אַ יאָר. די יאָר־טראַיעקטאָריע פֿונעם פּלאַנעט איז אַן עליפּס, נאָר די זון געפֿינט זיך ניט אין דער מיט[5] פֿונעם עליפּס. דאָס בילד ווײַזט ווו די ערד געפֿינט זיך אין פֿאַרשיידענע דאַטעס אויף איר טראַיעקטאָריע אַרום דער זון.
דער פּונקט „ד“ אויפֿן בילד שטעלט פֿאָר די ראָטאַציע־אַקס פֿונעם פּלאַנעט אַרום זיך, וואָס דערפֿון נעמען זיך די טעג און די נעכט און זייער אַלטערנאַציע.
די סעזאָנען זענען דער רעזולטאַט פֿון דער באַוועגונג פֿונעם פּלאַנעט אַרום דער זון און פֿון דעם וואָס דער אַקס פֿון דער ערד־ראָטאַציע איז ניט פּערפּאַנדיקולער צו איר אָרביט, נאָר אינקלינירט.
דער ערשטער ווינטערטאָג אין די צפֿון־לענדער און ערשטער זומערטאָג אין די דרום־לענדער איז דער טאָג ווען די ערד געפֿינט זיך אויף דער פּאָזיציע (4). דאָס בילד לאָזט אונדז זען אַז דער שטח[6] וואָס איז באַלויכטן[7] אויף צפֿון פֿונעם עקוואַטאָר, פּאָזיציע (4), איז קלענער ווי דער באַלויכטענער אין די דרום־לענדער. פֿון דעם ווערט געדרונגען[8] אַז די טעג זענען דאַן קירצער אין צפֿון ווי אין דרום.
מיר באַמערקן דאָ אויך אַז, לויט זייער ריכטונג, זענען די שטראַלן[9]




וואָס פֿאַלן צפֿון פֿונעם עקוואַטאָר מער באַלכסונדיק[10] ווי די, וואָס קומען אָן אין דרום. וואָס מער באַלכסונדיק אַ שטראַל איז, אַלץ שוואַכער איז דער טייל וואָס דערגרייכט די ערד, און אַלץ קילער איז די טעמפּעראַטור אין די דאָזיקע ערטער. מיר קומען אַזוי אַרום צום אויספֿיר[11] אַז די דורכשניט[12]־טעמפּעראַטור אין פּונקט (4) איז נידעריקער אין צפֿון ווי אין דרום. דערפֿאַר קען זיך אונדז דאַכטן אַז די זון שײַנט ווינטערצײַט שוואַכער.
זעקס חדשים[13] שפּעטער געפֿינט זיך אונדזער פּלאַנעט אויפֿן אָרט באַצייכנט מיטן נומ׳ (2). די טעג זענען לענגער און וואַרעמער אין די צפֿונדיקע לענדער ווי אין די דרומדיקע. ס׳איז זומער אין אונדזער טייל וועלט.

*גיטעלע מילכבערג*

1. ... EMES c'est vrai/it's true 2. DO'REMDIKE du Sud/Southern 3. TSOFN du Nord/North- 4. exactement/exactly 5. au milieu/center 6. ShETEKh surface/area 7. éclairé/illuminated 8. déduit/deduced 9. rayons/rays 10. BALA'KHSNDIK en biais/more slanted 11. conclusion 12. moyenne/average 13. KhADOShIM mois, *sing.* חודש KhOYDESh.

# ייִדישע אותיות[1]

ייִדן האָבן תּמיד[2] געניצט די ייִדישע, דאָס הייסט העברעיִשע אותיות – ניט נאָר צו שרײַבן העברעיִש, נאָר אויך אַלע ייִדישע שפּראַכן פֿון די תּפֿוצות[3], ווי ייִדיש, ייִדיש־אַראַביש, ייִדיש־פּערסיש... (אויך דזשודעזמע[4] וואָס הײַנט צו טאָג שרײַבט מען עס מיט לאַטײַנישע אותיות, פֿלעגט מען אַ מאָל שרײַבן מיט ייִדישע אותיות). אין אייראָפּע האָבן ייִדן זעלטן ווען געקענט די לאַטײַנישע שריפֿט, וואָס איז פֿאַר זיי געווען פֿאַרבונדן מיט דער קריסטלעכער רעליגיע. זייער לאַנג זענען די גלחים[5] געווען די איינציקע אין דער קריסטלעכער וועלט וואָס האָבן געקענט לייענען און שרײַבן. דערפֿאַר פֿלעגן ייִדן אָנרופֿן די לאַטײַנישע אותיות „גלחות[6]“ (פֿון „גלח“).

נאָר פֿון וואַנען קומען די ייִדישע אותיות ? ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע. די 22 אותיות וואָס מיר קענען הײַנט איז ניט דער ערשטער אַלף־בית[7] וואָס ייִדן האָבן געניצט. ס'איז דאָ פֿאַרשיידענע היפּאָטעזעס וואָס שייך[8] דעם אָפּשטאַם[9] פֿון ייִדישן אַלף־בית – מע האָט אַ מאָל געטראַכט אַז ער קומט פֿון די מצרישע[10] היעראָגליפֿן אָדער פֿון דער בבֿלישער[11] פֿלעקלשריפֿט[12]. הײַנט מיינען די פֿאָרשער אַז דער העברעיִשער אַלף־בית איז גאָר נאָענט צו דעם פֿעניקישן[13] און אַז ביידע האָבן דעם זעלביקן אָפּשטאַם – אַן אַלטן סעמיטישן אַלפֿאַבעט (פֿון דער צײַט פֿון 2טן יאָרטויזנט פּ״ק[14]).

פֿון יענעם אַלטן אַלף־בית האָבן זיך אויפֿגעהיט[15] גאָר ווינציק אויפֿשריפֿטן[16]. מיר ווייסן אָבער אַז דאָס שרײַבן פֿון רעכטס צו לינקס איז געוואָרן סיסטעמאַטיש אין 12טן י״ה[17] פּ״ק. די נעמען פֿון די אותיות האָבן געהאַט אַ באַטײַט אויף העברעיִש אָדער אַנדערע סעמיטישע שפּראַכן (עין[18] מיינט אויג, בית[19] – אַ הויז, זין[20] – געווער[21]). זייערע פֿאָרמעס זענען דעמאָלט טאַקע געווען ענלעך צו די דאָזיקע אָביעקטן.

נאָר אין דער צײַט פֿון גלות־בבֿל[22] (אין 6טן י״ה פּ״ק) האָבן ייִדן געביטן זייער אַלף־בית. אויפֿן אָרט פֿון די אַלטע העברעיִשע אותיות האָבן זיי אָנגענומען די „אַסירישע שריפֿט“ („כּתבֿ אַשורי“[23]), וואָס פֿון זיי, נאָך אַ לאַנגער עוואָלוציע, שטאַמען אונדזערע הײַנטיקע קוואַדראַט־אותיות[24]. אין דער אמתן[25] האָבן די אַסירער איבערגענומען זייער שריפֿט פֿון אַן אַנדער סעמיטיש פֿאָלק, די אַראַמער[26].

דער סעמיטישער אַלף־בית האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער אַ סך לענדער. די גריכן[27] האָבן אין 8טן י״ה פּ״ק איבערגענומען די פֿעניקישע שריפֿט : דערפֿאַר זענען די נעמען פֿון אותיות און אויך זייער סדר[28] זייער ענלעך (אַלף – אַלפֿאַ, בית – בעטאַ, גימל – גאַמאַ, דלד – דעלטאַ...). פֿונעם גריכישן אַלפֿאַבעט שטאַמט דער לאַטײַנישער און דער קירילישער אַלפֿאַבעט, פֿון דעם אַרמישן[29] שטאַמט ניט נאָר דער העברעיִשער, נאָר אויך דער אַראַבישער אַלפֿאַבעט און נאָך אַ פּאָר אַנדערע.

העברעיִש איז אַ סעמיטישע שפּראַך און אַלע אירע אותיות זײַנען קאָנסאָנאַנטן. זייער לאַנג האָט מען ניט געניצט קיין סימנים[30] פֿאַר




**פֿון „די שוואַרצע פּינטעלעך“, מאַקס ווײַנרײַך, ווילנע, ייִוואָ, 1939**

וואָקאַלן, נאָר אין דער צײַט ווען העברעיִש איז ניט מער געווען קיין גערעדטע שפּראַך איז געוואָרן אַ סכּנה[31] אַז מען וועט ניט מער קענען לייענען די תּורה[32]. האָט מען אין 8טן י״ה נ״ק[33] צוגעטראַכט אַ וואָקאַליזאַציע־סיסטעם – קליינע צייכנס וואָס מען רופֿט זיי נקודות[34] („פּינטעלעך“ אויף העברעיִש).

ווען ייִדן אין די גערמאַנישע לענדער האָבן אָנגעהויבן (אַרום יאָר 1000 נ״ק) צו רעדן די לאָקאַלע שפּראַך, האָבן זיי עס נאַטירלעך געשריבן אין זייערע באַקאַנטע אותיות. זיי האָבן אָבער געמוזט צופּאַסן[35] דעם סעמיטישן אַלף־בית צו אַ גערמאַנישער שפּראַך. אין אַן אייראָפּעיִשער שפּראַך ווי דײַטש מוז מען האָבן סטאַבילע וואָקאַלן. האָט מען באַשטימט אַז אַ פּאָר פֿון די קאָנסאָנאַנטן – ווי „א“ און „ע“ – זאָלן ווערן וואָקאַלן.

אין מיטלעלטער האָבן זיך, אַחוץ[36] די קוואַדראַט־אותיות, אַנטוויקלט פֿאַרשיידענע סאָרטן קורסיוו, נאָר דאָס איז שוין אַן אַנדער געשיכטע...



1. OYSYES lettres (de l'alphabet)/letters (of the alphabet), *sing.* אות OS 2. TOMID toujours/always 3. TFUTSES Diaspora 4. judéo-espagnol/Judeo-Spanish (sometimes called Ladino) 5. GALOKHIM prêtres/priests, *sing.* גלח GALEKH 6. GALKHES caractères latins/Latin letters 7. ALEF-BEYS alphabet 8. ... SHAYEKH quant à/concerning 9. origine/origin 10. MI'TSRISHE égyptiens/Egyptian 11. BO'VLISHER babylonien/Babylonian 12. écriture cunéiforme/cuneiform writing 13. phénicien/Phoenician 14. פֿאַר קריסטלעכער צײַט־רעכענונג av. J.C./B.C. 15. préservé/preserved 16. inscriptions 17. יאָרהונדערט 18. AYEN (nom de la lettre/name of the letter ע) 19. BEYS (nom de la lettre/name of the letter ב) 20. ZAYEN (nom de la lettre/name of the letter ז) 21. arme/weapon 22. GOLES-BOVL exil babylonien/Babylonian exile 23. KSAV-ASHURI écriture assyrienne/Assyrian script 24. lettres carrées/square letters 25. ... E'MESN en réalité/in fact 26. Araméens/Arameans 27. Grecs/Greeks 28. SEYDER ordre/order 29. ARA'MISHN araméen/Aramaic 30. SIMONIM signes/signs 31. SAKONE danger 32. TOYRE Torah 33. נאָך קריסטלעכער צײַט־רעכענונג ap. J.C./A.D. 34. NEKUDES signes vocaliques/vowel signs 35. adapter/adapt 36. AKHU'TS à part/in addition to.

# אַ זײַט פֿאַר אָנהייבער

## אויפֿן פּריפּעטשיק[1]

### פֿון מאַרק וואַרשאַווסקי

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל
און אין שטוב איז הייס.
און דער רבי[2] לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אַלף־בית[3].

רעפֿרעין :
זעט זשע[4], קינדערלעך, געדענקט זשע טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ,
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל און טאַקע נאָך אַ מאָל :
קמץ־אַלף : אָ[5] !

לערנט, קינדער, מיט גרויס חשק[6],
אַזוי זאָג איך אײַך אָן,
ווער ס'וועט גיכער פֿון אײַך קענען עבֿרי[7],
דער באַקומט אַ פֿאָן[8].

אַז איר וועט, קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר אַליין פֿאַרשטיין,
וויפֿל אין די אותיות[9] ליגן טרערן[10],
און ווי פֿיל געוויין[11].

אַז איר וועט, קינדער, דעם גלות שלעפּן[12],
אויסגעמוטשעטע[13] זײַן,
זאָלט איר פֿון די אותיות כּוח שעפּן[14],
קוקט אין זיי אַרײַן !

1. âtre/hearth 2. REBE maître/teacher 3. ALEF-BEYS alphabet 4. alors, donc *(pour insister)*/so, then *(for emphasis)* 5. KOMETS-ALEF : "O" 6. KHEYSHEK envie/eagerness 7. IVRE lecture de l'hébreu/reading Hebrew 8. drapeau (donné comme récompense)/flag (given as a reward) 9. OYSYES lettres (de l'alphabet)/letters (of the alphabet), *sing.* אות OS 10. larmes/tears 11. pleurs/crying 12. GOLES ... subir l'exil/bear the exile 13. épuisés/exhausted 14. KOYEKH ... puiser la force/find strength.



אַ רבי לערנט אין חדר – בילד פֿון ראָמאַן וווישניאַק D.R.

4

## מאַרק וואַרשאַווסקי

מאַרק וואַרשאַווסקי (1848?–1907) איז געבוירן געוואָרן אין אָדעס[1] אין אַ פֿאַרמעגלעכער משפּחה[2]. ער האָט זיך געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע[3] אין זשיטאָמיר, שטודירט יוריספּרודענץ[4] אין קיִעווער אוניווערסיטעט און געוואָרן אַן אַדוואָקאַט. שרײַבן לידער איז געווען פֿאַר אים בלויז אַ פֿאַרווײַלונג[5]. ער האָט געשריבן אי[6] די ווערטער אי די מוזיק און פֿלעגט געבן קאָנצערטן פֿאַר זײַנע פֿרײַנד. זײַנע לידער זײַנען געוואָרן זייער באַקאַנט. ווען שלום־עליכם[7] האָט זיי געהערט זײַנען זיי אים אַזוי געפֿעלן אַז ער האָט געהאָלפֿן זיי אַרויסצוגעבן[8] אין 1901 און האָט אָנגעשריבן אַן ענטוזיאַסטישן אַרײַנפֿיר[9]. צווישן וואַרשאַווסקיס באַקאַנטסטע לידער זײַנען „80 ער און 70 זי", „דעם מילנערס טרערן[10]", „די מיזינקע אויסגעגעבן[11]" און „דער בעכער[12]", וואָס מען זינגט זיי נאָך אַ סך הײַנט צו טאָג.

1. Odessa 2. ... MISHPOKHE famille aisée/well-to-do family 3. lycée/high school 4. droit/law 5. distraction/entertainment 6. ...אי ...אי à la fois... et.../both...and... 7. SHOLEM-ALEYKHEM (1859-1916) 8. publier/publish 9. introduction 10. larmes du meunier/the miller's tears 11. la cadette mariée/the youngest daughter given in marriage 12. la coupe de vin/the wine goblet.

# לערנט, קינדערלעך...

„אויפֿן פּריפּעטשיק[1]“ איז אפֿשר[2] דאָס פּאָפּולערסטע פֿון אַלע ייִדישע לידער. מען הערט עס אויף אַלע קאָנצערטן, מען געפֿינט עס אויף אַלע רעקאָרדירונגען און די מעלאָדיע ווערט אָפֿט מאָל געניצט אין פֿילמען, יעדעס מאָל וואָס מען וויל סוגערירן די טראַדיציאָנעלע ייִדישע וועלט. דאָס ליד איז אָבער נישט קיין אמת[3] פֿאָלקסליד. עס איז געשריבן געוואָרן סוף[4] 19טן יאָרהונדערט און דער אויטאָר איז געווען אַ מאָדערנער ייִד פֿון דער קיִעווער אינטעליגענציע, אַן אַדוואָקאַט לויטן פֿאַך[5], מיטן נאָמען מאַרק וואַרשאַווסקי (זעט ז׳ 4).

## אין חדר[6]

דאָס ליד גיט אונדז אַ בילד פֿון אַ טראַדיציאָנעלער ייִדישער שול – דעם חדר. די קינדער זיצן לעבן דעם אויוון[7] אין אַ קליין שטיבעלע[8] (דאָס וואָרט „חדר“ מיינט טאַקע[9] „צימער“) בײַם רבין[10] אין דער היים. די ייִנגעלעך זײַנען פֿיר אָדער פֿינף יאָר אַלט ווען זיי הייבן אָן צו גיין אין חדר. צו ערשט דאַרפֿן זיי זיך אויסלערנען „עבֿרי“[11], דאָס הייסט, ווי אַזוי צו לייענען די אותיות[12] און די נקודות[13], כּדי[14] צו קענען לייענען די תּורה[15] און די תּפֿילות[16]. דער רבי ווײַזט די אותיות און זאָגט : קמץ־אַלף[17] = [אָ], קמץ־בית[18] (בָ) = [באָ], קמץ־גימל[19] (גָ) = [גאָ]... פּתח־אַלף[20] = [אַ], פּתח־בית[21] (בַ) = [באַ], און אַזוי מיט אַלע אותיות און מיט אַלע נקודות. די קינדער זאָגן נאָך[22] אויף אַ קול[23] און מיט אַ ניגון[24], אַ סך אַ סך מאָל ביז זיי קענען דאָס אויף אויסנווייניק[25].

## טרערן און טרייסט[26]

די טרערן און דער כּוח[27] וואָס דאָס ליד דערמאָנט מיינען די פֿיל פֿאַרפֿאָלגונגען[28] פֿון דער ייִדישער געשיכטע און די האָפֿענונג און טרייסט וואָס אַ ייִד קען געפֿינען אין די הייליקע ביכער.
פֿון וואַנען קומט די ליבשאַפֿט צום אַלף־בית[29] וואָס מע זעט אין דעם ליד ? ערשטנס, דערפֿאַר וואָס אָט די אותיות ווערן געניצט בלויז דורך ייִדן. און צווייטנס, לויט דער טראַדיציע איז די העכסטע ווערט[30] בײַ ייִדן צו לערנען תּורה – וואָס איז פֿאַרשריבן מיט די דאָזיקע אותיות. אַזוי אַרום סימבאָליזירן זיי די ייִדישע אידענטיטעט.

1. âtre/hearth 2. EFSHER peut-être/perhaps 3. EMES vrai/real 4. SOF fin/end 5. de son métier/by profession 6. KHEYDER école juive traditionnelle/traditional Jewish school 7. poêle/stove 8. pièce/room 9. effectivement/indeed 10. ... REBN chez le maître/in the teacher's house 11. IVRE lecture de l'hébreu/reading Hebrew 12. OYSYES lettres (de l'alphabet)/letters (of the alphabet), *sing.* אות OS 13. NEKUDES signes vocaliques/vowel signs 14. KEDE'Y afin que/in order to 15. TOYRE Pentateuque/Pentateuch 16. TFILES prières/prayers 17. KOMETS-ALEF 18. KOMETS-BEYS 19. KOMETS-GIML 20. PASEKH-ALEF 21. PASEKH-BEYS 22. répètent/repeat 23. ... KOL à haute voix/aloud 24. NIGN mélopée/melody 25. par cœur/by heart 26. consolation 27. KOYEKH force/strength 28. persécutions 29. ALEF-BEYS alphabet 30. valeur/value.



Création graphique à partir d'un cliché de Silanoc ©©

דאָס דאָזיקע ליד, וואָס זײַן טעמע איז אותיות[1], האָט אונדז צוגעשיקט אַ תּלמידה[2] פֿון די ייִדיש־קורסן אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער.

## אַן אות

צוליב וואָס און פֿאַר וואָס ?
נישט קיין קינד, און נאָך שפּילסט אין אַ שפּיל ?
אָן איין איינציקן אות
איז דײַן דיבור[3] גאַנץ הילפֿלאָז און שטיל.

אָן איין איינציקן אות
קאָנסטו זאָגן בלויז „ווײ׳ז מיר“ און „אַך“.
אָן איין איינציקן אות
שטיקט און גוססט[4] דײַן שפּראַך.

אָן איין איינציקן קלאַנג[5] –
ווי אַ גלאָק אָן אַ פֿריידיקן קלונג[6] –
איז דײַן וואָרט גאָר ניט לאַנג.
שטאַרק פֿאַרשטײַפֿט[7] איז דײַן צונג.

אָן איין איינציקן קלאַנג –
ווי אַ טראָפּ[8] אָן אַ וויכטיקן טאָן –
אָן איין איינציקן קלאַנג
איז דײַן קול[9] מאָנאָטאָן־מאָנאָטאָן...

נאָר ווי באַלד ס׳האָט פֿאַרכאַפּט דאָס דײַן קול,
גייט׳ס שוין גלאַטיק :
דײַן אות פֿון דיר ווײַכט[10]
און דו לויפֿסט און דו זינגסט מיט אַ מאָל,
און דו פֿילסט : דאָס איז לײַכט !

*אַנע*

1. OYSYES lettres (de l'alphabet)/letters (of the alphabet), *sing.* אות OS 2. TALMIDE élève *fém.*/pupil *fem.* 3. DIBER parole/talk, speech 4. GOYSEST agonise/is dying 5. son/sound 6. sonnerie/ring 7. raide/stiff 8. accent musical/musical tone 9. KOL voix/voice 10. s'éloigne/eludes.

פֿאָרווערטס

אַרטיקלען דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג *פֿאָרווערטס* אין אָקטאָבער און נאָוועמבער 2007

# יִדישער אַוואַנגאַרד

פֿון מיכאל קרוטיקאָוו




דער יִדישער אַוואַנגאַרד פֿון די 1920ער יאָרן בלײַבט אַ פּאָפּולערע טעמע צווישן די פֿאָרשער פֿון יִדישער קולטור. דאָס איז געווען אַ מאָמענט אין דער יִדישער קולטור־געשיכטע, ווען יִדיש האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון די ד׳ אַמות[1] פֿון דער שטעטל־טעמע און זיך אָפּגעגעבן מיט גרויסע „וועלט־פּראָבלעמען“. דער עקספּערימענטאַלער גײַסט, פּאָליטישער ראַדיקאַליזם, דאָס זוכן נײַע פֿאָרמען אין ליטעראַטור און קונסט געפֿינט אַ שטאַרקן אָפּרוף בײַ הײַנטיקע פֿאָרשער, בפֿרט[2] בײַ די יונגע. אָבער ניט געקוקט אויף אַלע פֿאָרשערישע דערגרייכונגען, האָבן מיר ביז לעצטנס ניט פֿאַרמאָגט קיין גוטע אַנטאָלאָגיע פֿון טעקסטן פֿון דער יִדישער אַוואַנגאַרד־תּקופֿה[3].

דער דאָזיקער בלויז איז לעצטנס אויסגעפֿילט געוואָרן דורך אַן אויסגעצייכנטער אויסגאַבע „וואַרשעווער יִדיש־אַוואַנגאַרד“, וואָס איז אַרויס אין גדאַנסק אונטער דער רעדאַקציע פֿון דער יונגער פּוילישער פֿאָרשערין קאַראָלינאַ שימאַניאַק. דאָס דאָזיקע בוך, שיין אַרויסגעגעבן און רײַך אילוסטרירט, וועט בלי־ספֿק[4] אויפֿלעבן דעם אינטערעס צו יִדישער קולטור אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער. אַ גרויסע מעלה[5] פֿונעם בוך איז די צווייִשפּראַכיקייט. אַלע אָריגינעלע טעקסטן ווערן געדרוקט אויף פּויליש און אויף יִדיש, וואָס מאַכט די אַנטאָלאָגיע זייער ניצלעך אַפֿילו[6] פֿאַר די, וואָס קענען ניט לייענען פּויליש (כאָטש עס איז טאַקע זייער כּדאַי[7] זיך אויסצולערנען גענוג פּויליש, כּדי[8] צו קענען איבערלייענען די הקדמה[9] פֿון דער רעדאַקטאָרין).

ווי עס איז קלאָר פֿונעם טיטל, פֿאַרנעמט וואַרשע דאָס צענטראַלע אָרט אינעם בוך. די „הויפּט־העלדן“ פֿון דער אַנטאָלאָגיע זײַנען אורי־צבֿי[10] גרינבערג און פּרץ[11] מאַרקיש. אַלע טעקסטן ווערן טעמאַטיש גרופּירט [...]. דערצו זײַנען צוגעגעבן קאָלירטע פּלאַטן מיט הילעס[12] און אילוסטראַציעס פֿון די עקספּרעסיאָניסטישע פּובליקאַציעס אויף יִדיש פֿון די 1920ער יאָרן.

דער אויסקלײַב פֿון די ליטעראַרישע מאַניפֿעסטן און פּראָקלאַמאַציעס פֿאַרן אָפּטייל „רעוואָלוציע“ שפּיגלט אָפּ די קאָנצעפּציע פֿון דער רעדאַקטאָרין צו אַנטפּלעקן[13] די פֿאַרשיידנאַרטיקע[14] אידעיִשע און עסטעטישע וואָרצלען פֿון דער באַוועגונג. די רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען, דער בראָך[15] פֿון דער טראַדיציאָנעלער יִדישקייט און די באַנײַונג פֿון דער רעליגיעזער מעטאַפֿאָריק. די שאַרפֿע קריטיק פֿון קריסטנטום און אַ נײַער קוק אויף ישו־הנוצרי[16] ווי אַ ייִד – אָט די אַלע טעמעס און מאָטיוון שפּיגלען אָפּ דעם סתּירותדיקן[17] מהות[18] פֿון דעם יִדישן אַוואַנגאַרד. יעדע שטים אין דער אַנטאָלאָגיע דריקט אויס אַ געוויסע פּאָזיציע, וואָס באַקומט אַן אָפּקלאַנג אין אַנדערע טעקסטן.

[...] די טעאָריע און פּראַקטיק פֿונעם יִדישן אַוואַנגאַרד זײַנען נאָך ווײַט ניט אויסגעפֿאָרשט. עס בלײַבט נאָך צו פֿאַרשטיין בעסער די דינאַמיק פֿון דער באַוועגונג, איר געאָגראַפֿיע און כראָנאָלאָגיע, די באַציִונגען צווישן פֿאַרשיידענע צווײַגן פֿון ליטעראַטור און קונסט, און די השפּעות[19] מצד[20] אַנדערע קולטורן און שפּראַכן, אַזעלכע ווי רוסיש, פּויליש, העברעיִש און דײַטש, אויף דעם יִדישן אַוואַנגאַרד. אַזאַ מין אַרבעט נייטיקט זיך אין אַ קאָלעקטיוון פּראָיעקט, וואָס זאָל פֿאַראייניקן ליטעראַטור־פֿאָרשער, היסטאָריקער, לינגוויסטן, קונסטפֿאָרשער. דאָס קאָן מקוים ווערן[21] נאָר אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן ניוואָ, און דער נײַער דור[22] פּוילישע פֿאָרשער דאַרף דערבײַ שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע.



1. DALET-AMES quatre coudées *ici* limites étroites/four cubits *here* confined space 2. BIFRA'T en particulier/especially 3. TKUFE période/période 4. BLI-SOFEK sans aucun doute/undoubtedly 5. MAYLE avantage/virtue 6. AFILE même/even 7. ... KEDA'Y vaut la peine/worthwhile 8. KEDE'Y afin de/in order to 9. HAGDOME introduction 10. URI-TSVI 11. PERETS 12. couvertures/covers 13. faire apparaître/bring out 14. variés/varied 15. effondrement/breakdown 16. YEYSHU-HANO'YTSRI Jésus de/of Nazareth 17. STI'RESDIKN contradictoire/contradictory 18. MEHU'S nature 19. HASHPOES influences 20. MITSA'D *ici* venant de/*here* from 21. MEKUYEM... se réaliser/come true 22. DOR génération.



די „האַנט־אין־האַנט פֿונדאַציע“ האַלט אַן אויג אויף דרײַ שולן אין ישׂראל[1], ווו בערך[2] 750 ייִדישע און אַראַבישע קינדער לערנען זיך העברעיִש און אַראַביש אין איינעם. אויפֿן בילד : תּלמידים[3] פֿונעם ערשטן קלאַס אין איינער פֿון די שולן, אין ירושלים[4].

1. YISROEL Israël 2. BEEREKh environ/about 3. TALMIDIM écoliers/schoolchildren 4. YERUShOLAIM Jérusalem.

# אוקראַיִנישע רעגירונג וועט פֿײַערן 150 יאָר שלום־עליכם[1]

דער אוקראַיִנישער וויצע־פּרעמיער, דמיטרי טאַבאַטשניק, וועט זײַן דער פֿאָרזיצער[2] פֿון אַ רעגירונג־קאָמיטעט באַשטימט צוצוגרייטן פֿאַרשיידענע פּראָגראַמען און אַקטיוויטעטן אין 2009, לכּבֿוד[3] די 150 יאָר זינט שלום־עליכם איז געבוירן געוואָרן אין אוקראַיִנע. ספּעציעל וויל מען דורכפֿירן די פּראָגראַמען אין די שטעט קיִעוו, סימפֿעראָפּל, זשיטאָמיר און פּערעיעסלעוו (זײַן געבוירן־שטעטל). דאָס קולטור־מיניסטעריום און דער מלוכה[4]־אַרכיוו וועלן פֿאַרבעטן צונויפֿצושטעלן אַ פֿאָטאָ־אויסשטעלונג אין 2008 וועגן דעם לעבן און שאַפֿן פֿונעם קלאַסישן ייִדישן שרײַבער. די רעגירונג וועט אויך אַרויסגעבן אַ מטבע[5] און פּאָסט־מאַרקע מיט שלום־עליכמס בילד. אין עטלעכע שטעט וועט מען אין גיכן אַנאָנסירן אַ קאָנקורס פֿאַר די בעסטע פּראָיעקטן פֿון סטאַטועס לכּבֿוד דעם שרײַבער.
די געזאַמלטע ווערק פֿון שלום־עליכמען וועט מען אַרויסגעבן אויף אוקראַיִניש, און דאָס קולטור־מיניסטעריום וועט אויך שטיצן דאָס אַרויסלאָזן ביכער וועגן אים און אָרגאַניזירן קאָנפֿערענצן און ביכער־ירידן[6] אויף דער טעמע שלום־עליכם. די פּראָגראַמען וועלן זײַן געצילט[7] סײַ[8] פֿאַר ייִנגערע תּלמידים[9], סײַ פֿאַר אוניווערסיטעט־סטודענטן.
[...] דאָס אויסלאַנד־מיניסטעריום וויל אויך אײַנשטעלן קאָנטאַקטן מיט ישׂראל[10] וועגן דער וויכטיקער דאַטע, כּדי[11] דורכצופֿירן בשותּפֿותדיקע[12] פּראָיעקטן לכּבֿוד דעם גרויסן ייִדישן שרײַבער.



שלום־עליכם

1. Sholem-Aleykhem (1859-1916) 2. président 3. LEKOVED en l'honneur de/in honor of 4. MELUKhE-... d'État/State 5. MATBEYE pièce de monnaie/coin 6. YARIDN foires/fairs 7. destinés/aimed at 8. ...סײַ ...סײַ à la fois... et.../both...and... 9. TALMIDIM élèves/pupils 10. YISROEL Israël 11. KEDE'Y afin de/in order to 12. BEShU'TFESDIKE en commun/joint.


## איך וויל אַבאָנירן דעם פֿאָרווערטס

אַבאָנעמענט־פּרײַז : פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט : ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר – 25 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

נאָמען : .................................................... קרעדיט־קאַרטע־נומער : ..................................

אַדרעס : .................................................... אויסגאַנג[4]־דאַטע : ..................................

....................................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס : The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

# בעסער קורץ ווי לאַנג

ווי באַלד[1] מיר רעדן וועגן אותיות[2], איז כּדאַי[3] צו דערמאָנען אַז אין ייִדיש, ווי אין אַלע שפּראַכן, ניצט מען אָפֿט מאָל קירצונגען[4], וואָס מע רופֿט זיי אָן ראָשי־תּיבֿות[5]. איר געפֿינט דאָ אַן אויסקלײַב פֿון די אָפֿטסטע קירצונגען.

אַ מאָל לאָזט מען בלויז דעם אָנהייב פֿונעם וואָרט מיט אַן אַפּאָסטראָף :

אַז׳ = אַ זייגער : à ... heure(s)/o'clock

ז׳ = זײַט : page

ה׳ = הער : monsieur/Mr.

פֿ׳ = פֿרײַנד : monsieur /Mr. *(cordial)*

ח׳ = חבֿר [KhAVER] : monsieur *(dans les milieux associatifs ou militants)*/Mr. *(in certain social and political circles)*

ר׳ = רב [REB] : monsieur (*suivi d'un prénom, tournure traditionnelle)*/Mr. (*used with first name, traditional form of address)*

פֿר׳ = פֿרוי : madame/Mrs.

אַ מאָל שרײַבט מען עטלעכע אותיות איבערגעהאַקטע מיט צוויי אַפּאָסטראָפֿן :

ד״ר = דאָקטער : docteur/doctor

א״אַ = און אַנדערע : et al.

אאַז״וו = און אַזוי ווײַטער : etc.

אד״גל = און דאָס גלײַכן : et autres du même genre/and the like

ד״ה = דאָס הייסט : c.-à.-d./i.e.

פֿ״גל = פֿאַרגלײַך : cf. (voir/compare)

י״ה = יאָרהונדערט : siècle/century

נ״ק = נאָך קריסטלעכער צײַט־רעכענונג : ap. J.C./A.D.

פֿ״ק = פֿאַר קריסטלעכער צײַט־רעכענונג : av. J.C./B.C.

תּנ״ך = תּורה, נבֿיאים, כּתובֿים

[TANA'Kh : TOYRE, NEVIIM, KSUVIM]

Tanakh (la Bible juive), acronyme hébraïque de Pentateuque, Prophètes, Écritures/Jewish Bible (Hebrew acronym of Pentateuch, Prophets, Writings)

אַ פּאָר געאָגראַפֿישע נעמען

נ״י = ניו־יאָרק : New York

ב״א = בוענאָס־אײַרעס : Buenos Aires

פֿ״ש = פֿאַראייניקטע שטאַטן : États-Unis/United States

ר״פֿ = ראַטן־פֿאַרבאַנד : URSS/USSR

תּ״אַ = תּל־אָבֿיבֿ : Tel-Aviv

1. puisque/since 2. OYSYES lettres de l'alphabet/letters of the alphabet, *sing*. אות OS 3. ... KEDA'Y ça vaut la peine/it's worth 4. abréviations/abbreviations 5. ROShE-TEYVES initiales/initials.

[סוף פֿון זײַט 1]

גענומען שרײַבן פּיעסעס און ראָמאַנען אויף ייִדיש. ער איז אויך דער רעדאַקטאָר פֿון דער ליטעראַרישער צײַטשריפֿט אין ישׂראל *נײַע וועגן*. דערנאָך האָט מען געזען אַן אינסצעניזירונג פֿון פֿעלזענבאַומס אַ פּאָעטישן טעקסט, *בענקשאַפֿט*, געשפּילט דורך דרײַ יונגע מענטשן, מאַשע פּאָגעל, הערשל גראַנט און לאָראַן דאָמאַל. זיי האָבן געשאַפֿן אַ פּרעכטיקע[25] אינטערפּרעטאַציע מיט אַזאַ חוש[26] פֿון ריטעם און קלאַנגען אַז דער עולם האָט נישט מער געפֿילט קיין גרענעץ צווישן פּאָעזיע און מוזיק. איז מען גרינג איבערגעשפּרונגען פֿון לייענען צום זינגען מיט פֿעלזענבאַומס אַן אימפּראָוויזירטן רעציטאַל. אַ גאָר פּאַסיקער סוף[27] פֿאַר אַזאַ יום־טובֿ !

25. magnifique/wonderful 26. KhUSh sens/feeling 27. SOF fin/end.

דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי, שרון.

YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ: www.yiddishweb.com